**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/23/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

## **גאווערנער האקול, ערוויילטע בעאמטע און MTA פירערשאפט באזוכן nd2 עוועניו סאָבוועי טונעלן**

***היסטארישע סומעס פון פעדעראלע גרענט געלעגנהייטן פאר טראנספארטאציע פארברייטערונג דא צו באקומען א דאנק אינפראסטראקטור געזעץ אונטערגעשריבן דורך פרעזידענטביידן***

***גרענט פארלאנג אריינגעגעבן דורך די MTA פאר שטאפל 2 פון סאבוועי פארלערנגערונג ביז th125 סטריט***

***פארלענגערונג וועט אריינרעכענען דריי נייע סאבוועי סטאנציעס, אויף th106 סטריט, th116 סטריט און אויף th125 סטריט***

גאווערנער קעטי האקול האט זיך היינט אנגעשלאסן מיט ערוויילטע בעאמטע און פירער פון די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority, MTA) צו באזוכן די פלאץ פון די nd2 עוועניו סאבוועי פארלענגערונג וועלכע וועט פארלענגערן די nd2 עוועניו ליניע ביז th125 סטריט אין איסט הארלעם. די אינפראסטראקטור אינוועסטירונג און דזשאבס געזעץ (Infrastructure Investment and Jobs Act), אונטערגעשריבן דורך פרעזידענט דזשאָוביידן, שטעלט צו 23 ביליאן דאלאר אין נייע גרענט געלעגנהייטן פאר טראנספארטאציע פארברייטערונג — א היסטארישע סומע פון געלטער וועלכע טאפלט די סומע פון גרענטס וועלכע זענען דא צו באקומען פאר גרויסע פראיעקטן ווי די צווייטע שטאפן פון די nd2 עוועניו סאבוועי. די MTA האט אריינגעגעבן א גרענט פארלאנג צו די פאראייניגטע שטאטן טראנספארטאציע דעפארטמענט ( Department of Transportation) פאר די צווייטע שטאפל פון די פארלענגערונג וואס וועט אריינרעכענען דריי נייע סאבוועי סטאנציעס, אויף th106 סטריט, th116 סטריט און אויף th125 סטריט אין איסט הארלעם.

"ניו יארקער חלומ'ען גרויסע זאכן און טוהען אויף גרויסע זאכן, און די פלאן פאר די צווייטע שטאפן פון די nd2 עוועניו סאבוועי פארלענגערונג שפארט אויף אונזער געוואלדיגע פאטענציאל צו גיבן פאר קאמיוניטיס די טראנספארטאציע אינפראסטראקטור און די גלייכקייט וואס זיי דארפן זיך צו קענען פארמעסטן עקאנאמיש", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך וויל באדאנקען סענאט מאיאריטעט פירער שומער, סענאטארשע דזשיליברענד, קאנגרעסמאן עספּאַיאַט און אונזער קאנגרעסיאנאלע דעלעגאציע פאר זייער מידלאזע ארבעט צו פארזיכערן די רעסארסן וועלכע קענען אונז העלפן צו צושטעלן פאר איסט הארלעם א פראיעקט וואס איז צוגעזאגט געווארן צענדליגע יארן צוריק."

בערך 70 פראצענט פון איסט הארלעם איינוואוינער באנוצן זיך מיט פובליק טראנספארטאציע צו אנקומען צו די ארבעט — פיל מער פון די סיטי'ס דורכשניט פון 55 פראצענט. די פארלעגערונג פון nd2 עוועניו סאבוועי וועט העלפן פאראויס שטופן דיביידן אדמיניסטראצעי'ס און ניו יארק סטעיט'ס ציהל פאר יושר'דיגע טראנספארטאציע און עס וועט פארבעסערן די קאמיוניטי'ס צוטריט צו דזשאבס, העלט קעיר און אנדערע סערוויסעס, און אין די זעלבע צייט רעדוצירן אנגעלייגעכץ אויף לעקסינגטאן עוועניו און פארבעסערן לופט קוואליטעט.

**MTA ציטווייליגע טשערמאַן און CEO דזשאַן ליעבער האָט געזאָגט,** "פאַרלענגערן די 2nd עוועניו סאַבוועי איז אַ זאַך איבער וואָס מיר האָבן גערעדט פאַר צענדליגע יאָרן, און אַ דאַנק די ביליאַנען דאָלאַרן קומענדיג צו ניו יאָרק אין די אינפראַסטראַקטור געלטער, קענען מיר סוף כל סוף אויפהערן צו רעדן און אנהויבן צו טוהן. די MTA איז גרייט זיך צו רוקן פאָראויס מיט דעם פראַיעקט וואָס וועט אַסאַך בענעפיטירן איסט האַרלעם — אַ קאָמיוניטי וואָס האָט נישט באַקומען גענוג סערוויסעס און פאַרלאָזט זיך שטאַרק אויף מאַסן טראַנספּאָרטאַציע צו אָנקומען צו אַרבעט און שולע. עס וועט אויך פאַרגרינגערן אָנגעלייגעכץ אויף די לעקסינגטאַן עוועניו ליניע וועלכע דינט מער פאַסאַזשירן טעגליך ווי באָסטאָן, שיקאַגאָ און סאַן פראַנסיסקאָ'ס באַן סיסטעמען צוזאַמען."

[די ערשטע שטאַפּל](#) פון דעם פּראַיעקט האָט פאַרלענגערט די Q ליניע פון 63rd סטריט ביז 96th סטריט, און עס איז געווען ניו יאָרק סיטי'ס גרעסטע פאַרלענגערונג פון די סאַבוועי סיסטעם אין 50 יאָר. סערוויסעס האָבן זיך געעפנט אין יאַנואַר 1, 2017 מיט נאָך סטאַנציעס אויף 72nd סטריט און 86th סטריט. זינט עס איז פאַרענדיגט געוואָרן האָט די 2nd עוועניו סאַבוועי געפירט מער פון 130 מיליאַן פאַסאַזשירן, און עס האָט געפירט איבער 200,000 פאַסאַזשירן אויף אַ געוועגטליכע טאָג בעפאַר די פאַנדעמיע. די טונעל טייל וועלכע וועט גענוצט ווערן פאַר די צווייטע שטאַפּל איז געבויט געוואָרן אין די 1970'יגער פון 110th סטריט ביז 120th סטריט לענגאויס 2nd עוועניו.

**שנעלע פאַקטן צו וויסן**

- די שטאַפּל פון דעם פּראַיעקט וועט פאַרלענגערן די באַן סערוויסעס פון 96th סטריט צפון פון 125th סטריט פאַר בערך 1.5 מייל.
- עס וועלן זיין נייע סטאַנציעס אויף 106th סטריט און אויף 116th סטריט ביי 2nd עוועניו און אויף 125th סטריט ביי פּאַרק עוועניו.
- די צווייטע שטאַפּל וועט צושטעלן דירעקטע פאַרבינדונגען פאַר פאַסאַזשירן צו די לעקסינגטאַן עוועניו (4/5/6) סאַבוועי ליניע ביי 125th סטריט און איין אַריינגאַנג ביי פּאַרק עוועניו צו ערלויבן אַ באַקוועמע טראַנספער צו די מעטראָ-נאָרט באַן 125 סטריט סטאַנציע.
- יעדע סטאַנציע וועט האָבן אַ סטרוקטור העכער די ערד וועלכע וועט האַלטן אין זיך מעכאַנישע און עקלעקטראַנישע עקוויפּמענט פאַר ווענטילאַציע. די וועלן האָבן פּלאַץ פאַר מעגליכע אונטערשטע-שטאַק געשעפטן.
- פאַרלענגערונג וועט דינען נאָך 100,000 טעגליכע פאַסאַזשירן.
- וועט צושטעלן דריי נייע סטאַנציעס, צוגענגליך לויט די סטאַנדאַרטן פון די ADA — העכערנדיג די סטאַנדאַרט פון באַקוועמליכקייט פאַר די באַניצער.
- פאַרמערטע פילפאַכיגע טראַנספּאָרטאַציע פאַרבינדונגען ביי די 125th סטריט סטאַנציע — מיט פאַרבינדונגען צו די 4/5/6, מעטראָ-נאָרט באַנען און די M60 Select באַס סערוויס צו לאַגוואַרדיגע לופטפעלד, ערלויבנדיג אַ באַקוועמע טראַנספער צו אַנדערע סאַבוועי און באַן ליניעס, פאַרגרינגערנדיג גלאַטערע און שנעלער טראַנספּאָרטאַציע איבער די סיטי און די גאַנצע ראַיאָן.

**קאָנגרעסמאַן עדריאַנאָ עספּאַיאַט (NY-13) האָט געזאָגט,** "די אינפראַסטראַקטור אינוועסטירונג און דזשאָבס געזעץ וועט צוריק אויפלעבן אונזער סטעיט'ס צופאַלענע טראַנספּאָרטאַציע אינפראַסטראַקטור, האָבנדיג אַ געוואַלדיגע השפּעה אויף פראַיעקטן איבער גאַנץ ניו יאָרק סיטי און סטעיט, אַריינרעכענענדיג אין מיין קאָנגרעסיאָנאַלע דיסטריקט. איינס פון די לאַנג ערוואַרטעטע פראַיעקטן איז די 2nd עוועניו סאַבוועי צווייטע שטאַפּל פאַרלענגערונג וועלכע ווערט יעצט איבערגעקוקט פאַר באַשטעטיגונג פון די פעדעראַלע טראַנספּאָרטאַציע אַדמיניסטראַציע (Federal Transit Administration, FTA)." "עס דערפרייט מיך אַז גאַווערנער האָקול און די MTA האָבן זיך אַנגעשלאָסן דורכאויס די היינטיגע באַזוך

ארום די וויכטיגע טראנספארטאציע פראיעקט וועלכע וועט האבן א טראנספארמאטיווע איינפלוס אויף די איינוואוינער אין מיין דיסטריקט און פון גאנץ ניו יארק סיטי און די סטעיט, און איך האלט זיך שטאלץ מיט אונזערע געמיינזאמע באמיאונגען צו מאכן טראנספארטאציע זיכערער און מער צוגענגליך פאר יעדן אין אונזער גאנצע ראיאן."

**קאנגרעסמאן דזשעראלד נאַדלער האט געזאגט,** "איך בין באגייסטערט זיך צו אנשליסן מיט גאווערנער האקול און מיט פירער פון די גאנצע סיטי ביים באזוכן די nd2 עווענוי סאבוועי טונעל קאנסטרוקציע. דער פראיעקט און פילע אנדערע וואלטן נישט מעגליך געווען אן די געלטער וועלכע זענען צוגעטיילט געווארן דורך די אינפראסטראקטור אינוועסטירונג און דזשאבס געזעץ וועלכע איך האב אריבערגעפירט צוזאמען מיט מיינע דעמאקראטישע קאלעגן אין די קאנגרעס. די געזעץ שטעלט צו מער פון 10 ביליאן דאלאר פאר ניו יארק פאר קריטישע אינפראסטראקטור פראיעקטן צו פארבריייטערן אונזער מאסן טראנספארטאציע נעטווארק, פארבעסערן טראנספארטאציע אפציעס, אריינרעכענענדיג באס און ביציקל ליניעס און אינוועסטירן אין אונזערע קאמיוניטיס. ווען די nd2 עווענוי פארלענגערונג וועט זיין פארטיג, וועט עס העלפן טויזנטע ארבעטנדע פאמיליעס וועלכע האבן נישט באקומען גענוג טראנספארטאציע סערוויסעס צו ארומפארן זיכערערהייט און ווירקזאמערהייט."

**קאנגרעס פרוי קעראלין מעלאני האט געזאגט,** "די צווייטע שטאפל פון די nd2 עווענוי סאבוועי וועט דינען ניו יארקער פון th96 ביז th125 סטריט, פארבינדנדיג איסט הארלעם צו מידטאַון, לאָוער מאנהעטען און ברוקלין. עס וועט שאפן דזשאבס און אויפטרייבן עקאנאמישע וואוקס. איך בין געווען שטאלץ צו פירן די באמיאונג צו בויען די ערשטע שטאפל, און איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט גאווערנער האקול, דזשאן ליעבער און קאנגרעסמאן עדריאנאו עספאַיאַט צו זעהן די צווייטע שטאפל פארענדיגט."

**סענאטאר האָוזעי סעראנאו האט געזאגט,** "די לאנג-ערווארטעטע פארלענגערונג פון די nd2 עווענוי סאבוועי וועט דראסטיש פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר טויזנטע ניו יארקער וועלכע וואוינען, ארבעטן אדער גייען אין שולע אין איסט הארלעם. אין די צייט ווען ניו יארקער קערן זיך צוריק צו די סאבוועי, קען די צווייטע שטאפל ברענגען גאר-נויטיגע ערלייכטערונג פון איבערגעפילטע באנען און פון די מאנגל אין צוטריט צו די לעקסינגטאן עווענוי ליניע. עס דערפרייט מיך אז דער פראיעקט האט געקענט אויסנוצן נייע פעדעראלע געלטער, און איך באדאנק גאווערנער האקול און קאנגרעסמאן עספאַיאַט פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו יושר'דיגע טראנספארטאציע אין ניו יארק סיטי."

**סענאטארשע-עלעקט קאָרדעל קליער האט געזאגט,** "איך בין באגייסטערט אז די לאנג-ערווארטעטע פראיעקט ווערט סוף כל סוף דורכגעפירט אין הארלעם. דאס וועט ברענגען עקאנאמישע געלעגנהייטן פאר די געגנט, און עס וועט פארבינדן הארלעם איינוואוינער מיט וועסט טשעסטער און די איבעריגע פון די סיטי. א דאנק, גאווערנער האקול, פארן סוף כל סוף פארווירקליכן די אלטע צוזאג און באדייטנד פארבעסערן די לעבנס פון די אין די הארלעם קאמיוניטי."

**אסעמבלי מיטגליד על טעילאר האט געזאגט,** "עס דערפרייט מיך צו זעהן די פעדעראלע געלטער ווערנדיג גענוצט פאר מיין היים קאמיוניטי, הארלעם. די גאר-נויטיגע פארלענגערונג וועט מאכן די לעבנס פון די איינוואוינער אין די 71'סטע דיסטריקט – וועם איך פארטרעט – גרינגער, שנעלער און געשמאקער. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פארן זיכער מאכן אז די צווייטע שטאפל פון דעם פראיעקט ווערט פארגעזעצט, און איך קוק ארויס צו זעהן די פארענדיגונג."

**אסעמבלי מיטגליד ראַב ראָדריגעז האט געזאגט,** "דאס איז ניו יארק סיטי'ס גרעסטע פארלענגערונג פון די סאבוועי סיסטעם אין מער פון 50 יאר, און עס וועט פארלענגערן די סערוויסעס אויף nd2 עווענוי אין די אָפער איסט סייד אריין אין איסט הארלעם. די צווייטע שטאפל פון דעם פראיעקט, צווישן איסט th125 און איסט th96 סטריט איז געשאנקען געווארן דורך די סטעיט 1.035 ביליאן דאלאר פאר די

צווייטע שטאפל פון די nd2 עוועניו פראיעקט צו פארלענגערן סערוויסעס אריין אין איסט הארלעם, מיט די ציהל צו ברענגען יושר'דיגע טראנספארטאציע, אזוי ווי אונזער קאמיוניטי פארלאזט זיך שטארק אויף שנעלע צוטריט פאר זייערע טאג-טעגליכע לעבנס. די לעקסינגטאן עוועניו ליניע פון די ניו יארק סיטי טראנספארטאציע איז איינס פון די פארנומענסטע טראנספארטאציע ליניעס אין דאס לאנד. די פארברייטערונג פון די nd2 עוועניו ליניע וועט ערלויבן א באקוועמע טראנספער צו אנדערע סאבוועי און רייזע באן ליניעס, ערמעגליכנדיג שנעלערע און גלאטערע טראנספארטאציע אין די סיטי און די גאנצע ראיאן. די דריי נייע סטאנציעס צוזאמען מיט די ערשטע שטאפל פון דעם פראיעקט וועלן פארמערן די צאל רייזנדע מיט 300,000 פאסאנזשירן טעגליך. די נייע סטאנציעס וועלן ערלויבן איסט הארלעם איינוואוינער און באזיכער צו פארן דירעקט – אן דארפן טראנספערירן – צו מידטאַון און א פארבינדונג צו אנדערע טיילן פון די סיטי."

**מאנהעטען באראו פרעזידענט געיל א. ברוּער האט געזאגט,** "די צווייטע שטאפל פון די nd2 עוועניו סאבוועי איז יעצט אן קיין ספק די וויכטיגסטע אינפראסטראקטור פראיעקט אין די מאנהעטען באראו. נישט נאר וועט עס ברענגען שנעלערע טראנספארטאציע רייזעס אין די איסט הארלעם קאמיוניטי און רעדוצירן אנגעלייגעכץ אויף די לעקסינגטאן עוועניו ליניע, נאר עס וועט אויך אויפטרייבן הונדערטע דירעקטע און אומדירעקטע דזשאבס, וועלכע זאלן הויפטזעכליך גיין פאר די זעלבע איסט הארלעם קאמיוניטי. איך טוה גראטולירן אונזערע סטעיט קאלעגן, אריינרעכענענדיג גאווערנער האקול, פארן אנטשלאסענערהייט שתדל'ן פאר דעם פראיעקט און צו אונזערע פעדעראלע קאלעגען פארן שיצן פינאנצירונג, באזונדערס דורך די אומפארטייאישע אינפראסטראקטור געזעץ ( Bipartisan Infrastructure, BIF)."

**קאונסיל מיטגלידערין דייענע אַיאַלע האט געזאגט,** "עס דערפרייט מיך צו הערן איבער די אנהויב פון די צווייטע שטאפל פון די nd2 עוועניו סאבוועי. די דעזיגנירטע געלטער פון די לעצטיגע באשטעטיגטע אינפראסטראקטור געזעץ וועט ברענגען א מער צוגענגליכע און גלאטע טראנספארטאציע סיסטעם. די פארלענגערונג וועט ערמעגליכן טויזנטע איינוואוינער צו קענען אנקומען צייטליך צו און פון זייערע אפיסעס; פארבעסערן קינדער'ס שולע רייזעס; און פארמערן טוריסט באזוכן צו אונזער באליבטע איסט הארלעם קאמיוניטי. איך וויל באדאנקען סענאטאר שומער, קאנגרעסמאן עספּאַיאַט און גאווערנער האקול פאר זייער מידלאזע באמיאונגען און שתדלנות מיטן דאס פארווירקליכן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov